פרשת וישלח
תשע"ו
שנה א' - גליון י"א

גליון
# עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער וויינגאָרטען

### וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד וַיֵּצֶר לוֹ

**נישט מורא האבן פאר קיינעם**

די הייליגע **חז"ל** און די **מפרשים** שטעלן זיך שוין אויף דעם פסוק צו פארשטיין פארוואס האט יעקב אבינו מורא געהאט, און וואס האט איהם דא ווי געטוהן, נאכדעם וואס דער אייבישטער האט איהם שוין קלאר צוגעזאגט "וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ" אז דער אייבישטער וועט זיין מיט איהם און איהם היטן און באשיצן ווי ער גייט.

**דער אלטער רבי - רבינו הק' רבי יחיאל זי"ע** עקלערט אז יעקב אבינו האט פארשטאנען די הבטחה פונ'ם אייבישטער אז ער וועט זיין מיט איהם, איז נאר ווילאנג יעקב וועט זיין באהאפטן און דבוק צום אייבישטער, דעמאלט'ס וועט הקב"ה זיין מיט איהם, אזוי ווי עס שטייט א פסוק אין **דברי הימים** (ב' קאפיטל ט"ו) ה' עִמָּכֶם בִּהְיוֹתְכֶם עִמּוֹ - **דער אייבישטער איז מיט ענק ווען איר זענט מיט איהם.**

און דא האט יעקב אבינו אנגעפאנגען צו פילן א פחד פון עשו הרשע, און דאס האט איהם ווי געטוהן פארוואס ער האט נאך בכלל מורא פון א בשר ודם, ווייל יעקב האט געזען אין דעם א צייכן אז ער איז נישט גענוג באהאפטן צום אייבישטער, אזוי ווי עס שטייט אין **ספר חובת הלבבות** (פרק ו' - שער האהבה) אז ווער עס איז באמת דבוק צו השי"ת דער האט נישט קיין מורא פון קיין שום זאך אין דער וועלט, און דער חובת הלבבות ברענגט א מעשה פון אן ערליכער איד וואס האט זיך אמאל געלייגט שלאפן אין א מדבר ווי עס פלעגן זיך דרייען שרעקעדיגע חיות, און עס זענען דארט אדורכגעגאנגען א גרופע באוואפנטע מענטשן וואס האבן זיך אנגעגארטלט מיט פארשידענע געוועהר אז זיי זאלן קענען קעמפן קעגן די חיות, און דא זעהן זיי ווי עס ליגט א מענטש און שלאפט מיט א רואיגקייט אהן קיין שום פחד און מורא, האבן זיי איהם געפרעגט ווי אזוי קען דאס זיין אז ער האט נישט קיין פחד צו שלאפן דא אין א פלאץ ווי עס הערשט דאס טויט ח"ו. האט דער צדיק געענטפערט **"עס איז מיר א בושה און א שאנדע מורא צו האבן פון עפעס אויסער דעם אייבישטער"...**

און מיט דעם טייטשט דער אלטער רבי "וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד" יעקב האט זייער מורא געהאט ווען ער האט באמערקט אז "וַיֵּצֶר לוֹ" עס טוען איהם ווי אנדערע זאכן אויסער דעם אייבישטער, ער וואלט נישט געדארפט מורא האבן פון קיינעם אויסער דער באשעפער, און אז ער האט יא מורא פון עשו, דאס האט איהם ווי געטוהן, אז אפשר איז ער שוין נישט גענוג באהאפטן צום אייבישטער און דעריבער וועט איהם דער אייבישטער שוין נישט היטן ח"ו.

(ספה"ק ישמח ישראל א')

### וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה עֵשָׂו בָּא

**יעקב אבינו האט געבעטן אויף אלע דורות**

אין **מדרש** שטייט (בראשית רבה ע"ה י"ג) "באותה שעה נשא יעקב את עיניו וראה את עשו בא **מרחוק**, ותלה עיניו למרום ובכה וביקש רחמים מלפני הקב"ה, ושמע תפלתו והבטיחו שהוא מושיעו מכל צרותיו" אז יעקב האט אויפגעהויבן זיינע אויגן און ער האט געזען ווי עשו קומט **פונדערווייטענ'ס**, האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און ער האט געוויינט און געבעטן רחמים פון השי"ת, און דער אייבישטער האט געהערט זיין געבעט און איהם צוגעזאגט אז ער וועט איהם אלעמאל העלפן אין זכות פון יעקב, ווי עס שטייט אין תהלים (קאפיטל כ') יַעַנְךָ ה' בְּיוֹם צָרָה יְשַׂגֶּבְךָ שֵׁם אֱלֹקֵי יַעֲקֹב.

**דער אלטער רבי - רבינו הק' רבי יחיאל זי"ע** איז מדייק אז דער מדרש נוצט א לשון "עשו בא מרחוק - ווי עשו קומט פונדערווייטענ'ס" וואס דאס איז א רמז אויף די ווייטערדיגע און שפעטערדיגע יארן, **ווייל יעקב אבינו האט זיך דא אויסגעבעטן פאר גאנץ כלל ישראל אויף אייביג, אז אפילו אויב אין אסאך יארן שפעטער וועט ח"ו עשו** (די גויים) **ווילן קומען שלעכט'ס טוהן פאר די קינדער פון יעקב זאל ער נישט קענען.**

זיין זוהן **רבינו הק' דער תפארת שמואל זי"ע** לייגט צו, **אז מיט דעם דארף זיך א איד שטענדיג מחזק זיין, ווען ער געפונט זיך אין אן עת צרה און אפילו ער זעהט נישט די ישועה פאר די אויגן, און ער קלערט אז ער וועט ח"ו נישט געהאלפן ווערן, זאל ער געדענקן אז יעקב אבינו האט שוין פאָראויס געבעטן פאר גאנץ כלל ישראל שטענדיג אין יעדן מצב...**

(ספה"ק תפארת שמואל ב')

## חנוכה (א)

### לויט די הכנה פון א איד

אין **זוהר הקדוש** שטייט אז די שכינה הקדושה ווערט אנגערופען מיט'ן נאמען 'כֹּה', און אזוי ווערט געברענגט אין **ספרים הק'** אז 'כה' מיט'ן כולל (ד.מ. צוגעלייגט נאך איין נומער) באטרעפט זעקס און צוואנציג - ווי דער שֵׁם הוי"ה.

ווי אויך ווייסן מיר אז 'כֹּה' איז טייטש 'אזוי' (ווי עס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה "כה אמר עבדך יעקב" - אזוי האט געזאגט דיין קנעכט יעקב), און דאס איז א רמז אז לויט וויפיל א איד גרייט זיך צו, און ער מאכט אן 'הכנה' צו די מצוה, פונקט **'אזוי'** פיל וועט ער זוכה זיין צו באקומען די לעכטיגקייט און השפעה פון די מצוה.

און דאס איז דער רמז פון "חנוכה" וואס איז צוזאמגעשטעלט פון די צוויי ווערטער "חנו כה" אז לויט וויפיל א איד וועט זיך גרייטן צום חנוכה, כֹּה - אזוי וועט זיין די השפעות און די השראת השכינה (וואס הייסט 'כֹּה') וואס ער וועט זוכה זיין צו דעם אין חנוכה.

(באר משה, קאזניץ)

### אפילו אין די טונקל

די **גמרא** זאגט אין **מסכת שבת** (דף כ"א:) "מִצְוָתָהּ מִשֶּׁתִּשְׁקַע הַחַמָּה עַד שֶׁתִּכְלֶה רֶגֶל מִן הַשּׁוּק" אז די מצוה פון חנוכה ליכט איז פון ווען דער זון גייט אונטער, ביז עס ענדיגן זיך די פיסטריט פון די מענטשן אינ'ם גאס. **רבינו הק' דער ישמח ישראל זי"ע** איז מפרש די ווערטער אז די כח פון די הייליגע מצוה פון חנוכה ליכט איז אזוי גרויס אז טוט באלייכטען אפילו פאר די פשוט'ע אידן וואס עס איז פאר זיי טונקל, און זיי געפונען זיך אינדרוסען אויף דער גאס, אפילו ביי אזא איינער קען לעכטיג ווערן דורך די מצוה פון חנוכה. (ספה"ק ישמח ישראל)

### הילף צו דינען השי"ת

דער נס חנוכה וואס האט פאסירט אין בית המקדש איז אנדערש פון אלע נסים, ווייל געווענליך א נס געשעט צו ראטעווען די אידן און זיי צו העלפן פון א קלעם. אבער די נס מיט'ן טרעפן ריינע אויל אין ביהמ"ק דאס איז געווען בלויז פאר דעם אז די אידן זאלן קענען טוהן דער רצון ה' און מקיים זיין די מצוה פון צינדן די מנורה אין ביהמ"ק (וואס באמת אויב זיי וואלטן נישט געפונען קיין אויל וואלטן זיי געווען פטור פון די מצוה). און דעריבער דארף א איד וויסן **אז יעדעס יאר חנוכה קומט אראפ הילף פון הימל אז אידן זאלן קענען טוהן דעם רצון ה' און דינען דעם אייבישטער. און מיר דארפן אויסנוצן די טעג צו ווערן בעסער און שטערקער אין עבודת השי"ת.** (שפת אמת)

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

### וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד וַיֵּצֶר לוֹ

לכאורה דארף מען פארשטיין דעם דאפלטע לשון וואס שטייט צוויי מאל אז יעקב אבינו האט מורא געהאט און עס האט איהם וויי געטוהן (זעה רש"י). עס האט מסביר געווען **הרה"ק רבי מנחם פון אמשינאוו זי"ע** (יארצייט ט"ז כסלו) אז יעקב אבינו האט דא געשיקט די מלאכים ווייל ער האט געוואלט אויפטוהן אויף עשו און פועל'ן ביי איהם אז ער זאל תשובה טוהן פון זיינע שלעכטע וועגן. אבער ווען די מלאכים זענען צוריקגעקומען צו יעקב און איהם דערציילט אז "בָּאנוּ אֶל אָחִיךָ אֶל עֵשָׂו" און ווי רש"י ערלקערט אז ער איז נאך געבליבען דער זעלבער עשו הרשע און ער האט נישט תשובה געטוהן, דאס האט וויי געטוהן פאר יעקב אבינו, ווייל ער האט געהאלטן אז די חסרון איז אין איהם אליין, און אויב וואלט ער געווען א גרעסערע צדיק וואלט ער יא געקענט אויפטוהן ביי עשו אז ער זאל תשובה טוהן.

און דאס איז דא דער דאפלטע לשון פון "וַיִּירָא" און "וַיֵּצֶר", ווייל יעקב האט טאקע מורא געהאט אז ער וועט גע'הרג'עט ווערן ח"ו, אבער אויסער דעם האט איהם וויי געטוהן פארוואס ער איז נישט גענוג בשלימות צו קענען ווירקן אויף עשו אז ער זאל תשובה טוהן. (אמרי קודש)

### הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו

יעקב אבינו האט דא געבעטן אז דער אייבישטער זאל איהם ראטעווען פונ'ם יצר הרע וואס קומט צו גיין פאַרשטעלט ווי א ברודער, ווייל אסאך מאל קומט דער יצה"ר צום מענטש און רעדט איהם איין אויף אן עבירה אז דאס איז גאר א 'מצוה' אזוי צו טוהן און אז דער אייבישטער וועט גאר זיין צופרידן טאמער וועט ער יעצט אזוי טוהן, און מיט דעם קען ער ח"ו זייער גרינג איבערעדן דעם מענטש אז ער זאל טאקע טוהן די עבירה. און דעפאר האט יעקב אבינו געבעטן הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד "אָחִי" מִיַּד עֵשָׂו, **ווען דער יצה"ר מאכט זיך ווי מיין ברודער וואס מיינט מיין טובה און וויל מיך מְזַכֶּה זיין מיט א מצוה, זאלסטו מיר ראטעווען פון איהם.** (קדושת לוי)

### וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ

מיר געפונען אסאך ביי מענטשן אז ווען זיי בעטן עפעס פונ'ם אייבישטער ווילן זיי אז עס זאל זיין גוט אזוי ווי 'זיי' ווילן, למשל ער בעט אויף א געוויסע זאך אז ער זאל אין דעם מצליח זיין און עס זאל געלונגען זיין פלאן וואס ער וויל דא טוהן, אדער ווען א מענטש בעט אויף רייכקייט און געלט וכדומה, אבער נישט אלעמאל איז דאס א טובה פאר'ן מענטש, קומט אויס אז ער בעט א זאך וואס השי"ת ווייסט דעם אמת אז דאס איז נישט גוט פאר איהם און עס וועט איהם ח"ו שַׂאטְן. נאר די רכיטיגע עצה איז צו בעטן פונ'ם אייבישטער **"אז דער אייבישטער זאל טוהן וואס איז גוט פאר מיר"**, און השי"ת ווייסט דאך דעם אמת, און ממילא קען ער טוהן וואס איז טאקע גוט פאר'ן מענטש.

מיט דעם איז מסביר **הרה"ק רבי יהודה לייב פון גור - דער שפת אמת זי"ע**, דעם פסוק "וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ" אז מען דארף בעטן אז דער אייבישטער זאל גוט'ס טוהן לויט ווי ער זאגט און לויט ווי ער פארשטייט - וְאַתָּה אָמַרְתָּ, און נישט ווי אזוי דער מענטש מיינט און פארשטייט... (עפ"י שפת אמת תרל"ג)

## וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ

אמאל איז געקומען אן ארימאן צום הייליגער **צאנזער רב - דער דברי חיים זי"ע** און האט זיך אויסגעוויינט פאר איהם אז ער דארף חתונה מאכן זיין טאכטער און ער האט נישט קיין איין פרוטה אויף די הוצאות החתונה. האט איהם דער צאנזער רב געשריבן א בריוו וואס ער זאל טראגן צו א געוויסער עושר וואס וועט איהם העלפן. דער ארימאן האט גענומען דעם בריוו און געפארן צום עושר, ווען ער איז אנגעקומען האט דער עושר געהאלטן אינמיטן לערענען און האט אפילו נישט באמערקט אז איינער איז געקומען. ענדליך ווען דער עושר האט באמערקט דעם גאסט האט ער איהם געגעבן שלום, און האט איהם געפרעגט וואס ער וויל, האט דער ארימאן ארויסגענומען דעם בריוו און איבערגעגעבן פאר'ן עושר. דער עושר ליינט אפ דער בריוו און דארט איז געשטאנען אז דער צאנזער רב בעט איהם א געוויסע סכום געלט פאר דעם ארימאן, רופט זיך אן דער עושר צום ארימאן אז דער סכום וואס צאנזער רב שרייבט איז צו א גרויסע סומע געלט, און ער איז גרייט צו געבן ווייניגער, אבער דער ארימאן וויל נישט נעמען, ער וויל דוקא דער סכום וואס צאנזער רב האט געשריבן, אזוי האבן זיי זיך ארומגע'טענה'ט ביז דער ארימאן איז אוועק פון דארט מיט ליידיגע הענט.

צוריקקומענדיג קיין צאנז האט דער ארימאן דערציילט פאר'ן דברי חיים וואס עס האט פאסירט, האט דער דברי חיים איהם געגעבן נאך א בריוו צו א צווייטער גביר וואס ער וועט יא פאלגן און געבן דער נויטיגע סכום. און כך הוה, ווען דער ארימאן איז אנגעקומען צום צווייטער גביר האט איהם יענער שיין אויפגענומען, און מיט א שמחה האט ער איהם געגעבן די גאנצע סומע געלט וואס צאנזער רב האט געבעטן, און דער ארימאן איז אהיימגעפארן פרייליך און צופרידן.

עס איז אדורך א שטיק צייט און דער ערשטער עושר איז געקומען צו פארן צום צאנזער רב, האט איהם דער דברי חיים מוסר געזאגט אזוי: עס שטייט אין פסוק אין פרשת וישלח "וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ" און רש"י טייטשט אז דער 'איש' איז געווען דער שר פון עשו, און אין קומענדיגע סדרה פרשת וישב שטייט ביי יוסף הצדיק אז א מענטש האט איהם געטראפן בלאנדזשענען אין פעלד (ווען ער האט געזוכט זיינע ברודער'ס) "וַיִּשְׁאָלֵהוּ הָאִישׁ לֵאמֹר מַה תְּבַקֵּשׁ" און דער מענטש האט איהם געפרעגט וואס זוכסטו, און **רש"י** עקלערט אז דער 'איש' איז מלאך גבריאל. נו, לכאורה איז שווער, אין ביידע פסוקים שטייט בלויז דער ווארט "איש" און פארוואס דא טייטשט רש"י אז דאס איז א שלעכטע מלאך פון עשו, און דארט זאגט רש"י אז עס איז דער מלאך גבריאל? נאר וואס דען -זאגט דער דברי חיים פאר'ן עושר- אויב אן ארימאן קלאפט אויפ'ן טיר און מען טענה'ט זיך מיט איהם און מען פירט א וויכוח און א קריגערייי מיט איהם, דעמאלט'ס איז זיכער אז דאס איז דער שר פון עשו, אבער אויב א איד שטרעקט אויס א ברודערליכער האנט און פרעגט מיט וואס קען איך אייך העלפן, דער איז זיכער דער מלאך גבריאל... (מושיען של ישראל)



# אוצר הכרם

אן אוצר פון ידיעות, הלכות, און מנהגים בענינא דיומא

### דער איסור פון גיד הנשה

אין די תורה שטייט אז דער מלאך האט זיך געראנגלט מיט יעקב אבינו, און ער האט איהם אנגערירט ביי זיין פיס, און עס האט זיך אוועקגערוקט דער ביין פון יעקב אבינו'ס פיס און ער האט געהינקעט, "עַל כֵּן לֹא יֹאכְלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת גִּיד הַנָּשֶׁה אֲשֶׁר עַל כַּף הַיָּרֵךְ" דערפאר עסן מיר נישט דער 'גיד הנשה' וואס האט זיך אוועקגערוקט פון ארט.

אין **ספר החינוך** שטייט דער טעם פארוואס מען טאר נישט עסן דער "גיד הנשה" איז כדי דאס זאל זיין א צייכן און א דערמאנונג פון חיזוק פאר כלל ישראל אין גלות, אז אידן זאלן געדענקן דער נס וואס השי"ת האט געמאכט פאר יעקב אבינו אז דער זון האט אויפגעשיינט און זיין פיס איז אויסגעהיילט געווארן פונ'ם קלאפ וואס ער האט באקומען פונ'ם שר פון עשו. **אזוי אויך וועט השי"ת אונז אויך העלפן פון אונזערע צרות און פון אונזערע פיינט - די קינדער פון עשו וואס טוען אונז שטענדיג שלעכט'ס אין גלות, און דער זון וועט אויך אויפשיינען פאר אונז און מאכן א סוף צו אונזערע צרות.**

און **חזקוני** שטייט אן ענדליכע טעם, אז דאס איז א סימן און א זכר פאר שיינקייט, אז מיר זאלן געדענקן אז אונזער זיידע יעקב האט זיך געשלאגן מיט א מלאך און אפילו איהם בייגעקומען, און דעריבער עסן מיר נישט דער גיד הנשה צו געדענקן און דערמאנען די שטארקייט פון יעקב אבינו, און זיך מחזק זיין דערמיט.

### גיד הנשה אלס א קנס

אין **דעת זקנים** פון די **בעלי תוספות** און אויך אין **חזקוני** שטייט נאך א טעם פארוואס די תורה האט גע'אסר'ט דאס עסן גיד הנשה, ווייל דאס איז א שטראף און א קְנַס וויבאלד די קינדער פון יעקב האבן נישט באגלייט זייער טאטע, און זיי האבן איהם איבערגעלאזט אליין וואס דאס האט גורם געווען אז דער מלאך האט זיך געקענט קומען שלאגן מיט איהם, ווי עס שטייט אין פסוק "וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ - וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ", און דעריבער זענען זיי גע'קַנְסֶ'עט געווארן אז זיי קענען נישט עסן דער גיד הנשה וואס איז געשען דורך זיי.

אין **ספר חסידים** שטייט ענדליך, אז די קינדער פון יעקב אבינו האבן זיך דאס אליינס מקבל געווען אויף זיך אלס א קְנַס און זיי האבן געזאגט וויבאלד מיר האבן גענזינדיגט אז מיר האבן איבערגעלאזט אונזער טאטע אליין, דעריבער מאכן מיר א נדר מער נישט צו עסן קיין גיד הנשה.

# הילולא דצדיקיא

## כ"ק מרן אדמו"ר רבי מנחם פון אמשינאוו זצוקללה"ה

יארצייט:
**ט"ז כסלו תרע"ח**

**דער אמשינאוווער רבי – הרה"ק רבי מנחם זי"ע** איז געבוירען געווארן אין יאהר כת"ר צו זיין טאטע **הרה"ק רבי יעקב דוד – דער אלטער רבי פון אמשינאוו זי"ע** (זעה איבער איהם אינ'ם גליון פרשת תולדות העעל"ט) און צו זיין מאמע די צדיקת די **רעביצין חיה ע"ה**. דער אלטער רבי פון אמשינאוו האט געגעבן א נאמען פאר'ן קינד 'מנחם' נאך זיין רבי **הרה"ק רבי מנחם מענדל פון קאצק זי"ע** וואס איז נסתלק געווארן א קורצע צייט פריער. [עס איז אינטערסאנט צו באמערקן אז דער אלטער רבי פון אמשינאוו האט גערופען זיין זוהן נאר 'מנחם' און נישט מיט'ן נאמען 'מענדל' ווי עס האט געהייסן דער קאצקער רבי, דאס איז געווען לכבודו פון זיין יונגערע ברודער - **דער יונגער ווארקער רבי זי"ע** וואס האט אויך געהייסן 'מענדל' און דערפאר האט ער נישט געוואלט געבן זיין זוהן דעם נאמען].

פון קינדוויז אהן האט **דער אמשינאוווער רבי זי"ע** זיך אריינגעווארפן אין תורה ועבודה, און געדינט דעם אייבישטער אזוי ווי ער האט געלערנט ביי זיין גרויסער טאטע. ספעציעל האט געברענט אין איהם א געוואלדיגע פייער פון "אהבת ישראל", און ער האט ליב געהאט יעדער איד, און צו טוהן טובות פאר אידישע קינדער, ווי עס איז שטענדיג געווען די מסורה אין **ווארקא** און **אמשינאוו**.

נאך אלץ יונגל ביים טאטן אין הויף פלעגט דער קליינער מנחם'ל זיך ארומדרייען צווישען די געסט און פרעגן צו זיי האבן ווי איינצושטיין און ווי צו שלאפן, ווי אויך פלעגט ער העלפן אנגרייטן דאס עסן אז די חסידים זאלן האבן וואס טועם צו זיין.

כאטש זיינע אלע מעלות אין תורה און חסידות, דאך האט ער קיינמאל נישט געמאכט פון זיך אן עסק, פארקערט, זיין עֲנָוָה איז געווען בריית באקאנט צווישן די חסידים, ווי ער איז געווען צוגעלאזן און האט זיך געהאלטן גלייך מיט יעדעם איינעם און זיך געזארגט פאר יעדעם, אהן קיין שום גרויסקייט און כבוד פאר זיך אליין.

**דער אלטער רבי פון אמשינאוו זי"ע** איז נסתלק געווארן חודש כסלו אין יאהר תרל"ח, ווען זיין זוהן **הרה"ק רבי מנחם** איז געווען א יונגערמאן פון בלויז אכצען יאהר אלט, (רבי מנחם איז געווען ביים בארימטער חסיד און גביר **רבי שמואל משה אלבערשטיין ז"ל** פון ביאלא), און ער האט איבערגענומען די הייליגע הנהגה נאך זיין טאטן.

אינ'ם ערשטן שבת אלס רבי, האט דער אמשינאוווער רבי געטייטשט דער פסוק אין פרשת ויצא וואס יעקב אבינו האט געזאגט פאר לבן "לוּלֵי אֱלֹקֵי אָבִי אֱלֹקֵי אַבְרָהָם וּפַחַד יִצְחָק הָיָה לִי" אויב וואלט איך יעצט געקומען צו גיין נאר מיט 'זכות אבות' אליינס (ד.מ. אז איך אליין בין נישט ראוי און ווערד דערצו, נאר איך קום אין זכות פון מיין טאטן), דאן וואלט גארנישט געווען, "כִּי עַתָּה רֵיקָם שִׁלַּחְתָּנִי" און איך וואלט ארויסגעגאנגען מיט ליידיגע הענט, ווייל מ'קען זיך נישט פארלאָזן אויף זכות אבות אליין, נאר וואס דען "אֶת עָנְיִי וְאֶת יְגִיעַ כַּפַּי רָאָה אֱלֹקִים" דער אייבישטער זעהט מיין פלאָג און מיין מיה אין עבודת השי"ת... די חסידים האבן פארשטאנען דער רמז פונ'ם נייעם רבי'ן אז ער איז נישט ממלא מקום בלויז ווייל זיין טאטע איז געווען א רבי, נאר צוליב זיין אייגענע כח און עבודת השי"ת.

זיין אייניקל - **כ"ק אדמו"ר רבי יצחק פון אמשינאוו זצללה"ה** (פון בארא פארק) האט דערציילט, אז אין אנהייב ווען זיין זיידע **הרה"ק רבי מנחם זי"ע** איז געווארן רבי נאך די הסתלקות פון זיין פאטער **דער אלטער רבי פון אמשינאוו**, זענען נישט אלע חסידים געווען צופרידן צו האבן אזא יונגע רבי, און עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן נישט געוואלט אָננעמען אויף זיך זיין רבי'סטעוווע. איינער פון די חסידים האט זיך אמאל געחלומ'ט ביינאכט ווי ער זעהט דעם נייעם רבי'ן - רבי מנחם ווי ער זיצט אויבנאָן פונ'ם טיש, און אויף זיין זייט זיצט זיין טאטע - דער אלטער רבי נעבן איהם ווי א חסיד, ווען דער חסיד האט דאס געזעהן, האט ער געפרעגט פונ'ם אלטער רבי פארוואס זיצט ער אין די זייט און זיין זוהן זיצט אויבנאָן, האט איהם דער אלטער רבי' געענטפערט "**לאָז איהם, יעצט איז זיין צייט**"... ווען דער חסיד איז אויפגעשטאנען אינדערפרי האט געהערט פון זיינע חברים אין ביהמ"ד אָט דער זעלבער חלום! און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז גאר אסאך אידן האבן געזען די זעלבע מראה אין חלום, **ווי דער אלטער רבי פון אמשינאוו גיבט א הסכמה פון הימל אז זיין זוהן זאל זיין רבי.**




**די מצבה פון הרה"ק רבי מנחם פון אמשינאוו זי"ע**

גאר שנעל איז זיין הייליגער נאמען באקאנט געווארן איבער גאנץ פוילן, מיט זיין גרויס אהבת ישראל פלעגט דער אמשינאוווער רבי זיצען שעות אויף שעות און אויסהערן צובראכענע הערצער, אידן פלעגן שטיין אין די רייע כדי זיך דורכצוריידן מיט איהם און באקומען זיין הייליגע ברכה. טייל מאל האט זיך די אויפנאַמע פארצויגען א גאנצע נאכט, עס איז שוין געווארן לעכטיג אינדרויסן ווען דער רבי פלעגט ענדיגן אויפנעמען די אלע אידן וואס האבן געווארט ביי זיין טיר.

דער רבי פלעגט ליינען קריאת שמע של שחרית, און דערנאך זיך אראפלייגן אויף זיין בעט פאר א קורצע דרימל, און תיכף דערנאך אויפגעשטאנען מיט א פרישקייט צו א נייע טאג פון שיעורים אין תורה און תפלה און עבודת השי"ת.

אזוי ווי זיין גרויסער זיידע **דער אלטער ווארקער רבי - הרה"ק רבי יצחק זי"ע**, איז דער אמשינאוווער רבי אויך געווען פון די גרויסע עסקנים און שְׁתַּדְלָנִים פאר כלל ישראל, און שטענדיג געהאלפן אויפטוהן פאר אידן.

ספעציעל אין די יארן פונ'ם ערשטער וועלט מלחמה וואס האט אויסגעבראכן אין יענע תקופה, ווען רבי מנחם זי"ע האט געמוזט פארלאזן אמשינאוו און איז אריבער וואוינען אין ווארשא, האט זיך ארויסגעשטעלט גאר שטארק זיין הייליגע עבודה פאר די אידישע פלֵיטים וואס זענען געבליבן אהן א דאַך איבער'ן קאפ צוליב די שווערע מלחמה. פילע אסיפות פון רבנים און עסקנים זענען אפגעראכטן געווארן ביי זיין טיש, ווי אויך האט דער רבי דאן געגרינדעט אין ווארשא א גרויסער "בית התבשיל" ווי מען האט צוגעשטעלט צו עסן און צוטרינקן אומזינסט פאר די פילע היימלאזע אידן.

די דאזיגע ארבעט מיט מסירות נפש פאר צובראכענע אידן האט קראנק געמאכט דעם **אמשינאוווער רבי זי"ע** אויפ'ן הארץ, און ווי ער האט זיך אליין אויסגעדריקט פאר'ן דאקטער **אז זיין קראנקייט קומט "פון אידישע צרות"**. און ער האט געזאגט **"אז איך וועל הערן אז עס איז געווארן לעכטיג אינדרויסן בין איך שוין געזונט"**, אז ווי נאר עס וועט זיין לעכטיג פאר אידן און זיי וועלן געהאלפן ווערן, וועל איך האבן א רפואה שלימה... ליידער האבן אבער די אידישע צרות איבערגעוואויגן דעם ריינעם הארץ, און שבת קודש פרשת וישלח אין יאר תרל"ח איז דער אמשינאוווער רבי נסתלק געווארן לחיי העולם הבא.

### • פרק ז' •

## צער גידול בנים

א שווערע קאפיטל אין **רבי שרגא פייביל'ס** לעבן איז געווען דאס "צער גידול בנים" וואס ער האט ל"ע מיטגעמאכט, ווען רוב פון זיינע קינדער זענען נפטר געווארען יונגערהייט רח"ל. פון אלע זיינע קינדער איז נאר איבערגעבליבן זיין זוהן **רבינו הק' רבי יחיאל - שפעטער דער אלטער רבי פון אלכסנדר זי"ע.**

ווי שוין דערמאנט האט רבי פייביל געהאט א זוהן - **הרה"ק רבי לוי יצחק זצ"ל** וואס איז געווארן אן איידעם ביים **רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע,** אויך דער רבי לוי יצחק איז נפטר געווארן יונגערהייט ל"ע, געווען איז דאס ערב פסח, און רבי פייביל האט שטארק געוויינט און געטרויערט נאך זיין הייליגער זוהן [וואס **הרה"ק רבי דוב בעריש פון ביאלא** האט מעיד געווען אויף רבי לוי יצחק אז ער איז געווען א **'קדוש וטהור'**]. פלוצלינג האט זיך רבי פייביל געכאפט און ער פרעגט זיינע מקורבים ווי האלט דער זייגער, ווען מען האט איהם געזאגט אז עס איז צוועלף אזייגער און עס איז שוין חצות פון ערב יו"ט, האט רבי פייביל תיכף ומיד אויפגעהערט צו וויינען און זיך גענומען גרייטען צום יו"ט מיט א ברען.

יענער סדר נאכט האט רבי פייביל געפראוועט מיט גרויס התלהבות און געהויבנקייט, פארגעסנדיג פון זיין צער, און ער האט אפילו געזאגט פאר זיין רעביצין **"פארוואס זאלסטו נאך וויינען, אונזער רבי לוי איז יעצט שוין אין גן עדן"...**

**רבינו הק' דער ישמח ישראל זי"ע** האט נאכגעזאגט אז זיין זיידע רבי פייביל האט געזאגט דער פאלגענדער משל מיט לעכטיגע צורה ביי יענעם סדר נאכט: אמאל איז געווען א קעניג וואס האט גאר א נאנטער און געטרייער פריינט און זיי האבן זיך זייער ליב געהאט איינער דעם אנדערן, ויהי היום די צוויי האבן זיך געמוזט שיידען, ווייל דער קעניג האט זיך באזעצט אין א ווייטע ארט פון ווי ער האט געקענט בעסער פירן זיינע געשעפטן. מאכט זיך אמאל אז דער קעניג'ס פריינט האט זיך פארפְּלאָנטערט און אריינגעפאלן אין א גרויסע צרה, און ער האט זיך בארעכנט אז יעצט וואלט געווען דער פאסיגער צייט צו פארן צום קעניג און בעטן זיין הילף, און אזוי האט ער טאקע געטוהן און האט זיך ארויסגעלאזט אויף די לאנגע רייזע צום קעניג. אנקומענדיג צום קעניג אין פאלאץ, זעהט ער אז עס הערשט דארט א גרויסע שמחה, ער איז פונקט אנגעקומען אין דער צייט ווען עס געפאלט דער קעניג'ס געבורטס-טאג און מען האלט אינמיטען פראַווענען א קעניגליכע בּאַל מיט גרויס פרייד ווי עס פאסט פאר א קעניג. ווי נאר דער קעניג האט דערזעהן זיין יוגנט פריינט האט ער זיך שטארק געפריידט צו איהם, און ער רופט זיך אהן אז דו האסט זיך אנגעשטרענגט צו קומען ביז אהער אזא לאנגע וועג מן הסתם געפונסטו זיך אין א קלעם און דו ווילסט עפעס בעטן פון מיר, לאמיר הערן וואס עס דריקט דיר, רופט זיך אהן דער גוטער פריינט פונ'ם קעניג מיט ליבשאפט **"אמת, איך געפון זיך טאקע אין א גרויסע צרה, אבער ווען איך קום דא אהן און איך זעה די גרויסע שמחה וואס הערשט דא ביים קעניג, וויל איך פארגעסן פון מיין גאנצע צער, און איך וויל זיך בלויז מיטפרייען מיט'ן קעניג"...**

ווי פארשטענדליך איז דער נמשל אויף דער הייליגער סדר נאכט **ווען רבי שרגא פייביל איז געקומען צו גיין צום הייליגער סדר האט ער אינגאנצן פארגעסן פון זיין אייגענער צער, און זיך געפריידט מיט די הייליגע שכינה.**

---

### דער ווארקער רבי'ס הבטחה

ווען מען האט דערציילט פאר'ן **ווארקער רבי - הרה"ק רבי יצחק זי"ע** איבער די גרויסקייט פון זיין תלמיד רבי פייביל ווי ער האט זיך געשטארקט אויף זיין צער און נישט געטרויערט אין יום טוב, איז דער ווארקער רבי זייער נתפעל געווארן פון רבי פייביל, און ער האט דעמאלט'ס פארשפראכן אז ער וועט מאכן פון זיין זוהן **רבי יחיאל (דער אלטער רבי זי"ע)** א כלי, אז ער וועט נאך זיין גאר גרויס...

און **דער אלטער רבי - רבינו הק' רבי יחיאל** איז טאקע אויפגעוואקסן אלס בחור ביים ווארקער רבי'ן זי"ע. **רבי שרגא פייביל** האט זייער מורא געהאט אז עס זאל חלילה נישט פאסירן מיט איהם דאס וואס האט פאסירט מיט זיינע אנדערע קינדער, און ער זאל חלילה נישט נפטר ווערן יונגערהייט, און דעריבער האט ער איהם געגעבן פאר'ן ווארקער רבי'ן אז ער זאל מיט זיין גרויס קדושה איהם אפהיטן און באשיצן פון אלעם בייזען. דער ווארקער רבי האט אָנגענומען דאס פאַרלאנג פון רבי פייביל און האט גענומען זיין בחור אונטער זיין שיץ און זיך אָפּגעגעבן מיט איהם ווי אן אייגן קינד, און ער האט אין איינוועג'ס אויך מקיים געווען זיין צוזאָג אז ער וועט מאכן פון איהם א ספעציעלער כלי. אזוי ווייט, אז רבי פייביל האט מורא געהאט צו זיין אנוועזנד ביי די חופה פון זיין זוהן רבי יחיאל, מורא האבענדיג אז עס וועט איהם חלילה שאַטן (ווי ביי זיינע פריערדיגע קינדער) און טאקע בשעת די חתונה פון זיין זוהן וואס איז פארגעקומען אין פרשיסחא, איז רבי פייביל געווען אינדרויסן פון שטאט, און **דער ווארקער רבי - הרה"ק רבי יצחק זי"ע,** האט אונטערגעפירט דעם חתן אונטער די חופה ווי גלייך ער וואלט געווען זיין טאטע.

---

### אמונת חכמים

אין **ספר עשר זכיות** פון **הרה"ג רבי עזריאל חיים זאַמלונג ז"ל דער רב פון שטאט אָשֶׁעצק,** ווערט געברענגט א מורא'דיגע זאך וואס **רבי פייביל** האט זיך אמאל אויסגעדריקט די סיבה פארוואס ער האט געליטן אז זיינע קינדער זענען ל"ע נפטר געווארן בחייו - ווען ער האט נאך געלעבט:

ווי שוין אויבן דערציילט איז רבי פייביל געווען א קורצע צייט רב אינ'ם שטאט שעפס - א מתנגד'ישע שטאט וואס די מענטשן דארט האבן שטארק גע'רודפ'ט די חסידים און אין איינוועג'ס אויך רבי פייביל, און רבי פייביל האט נישט געקענט אריבערטראגן די רדיפות און צרות וואס די מתנגדים האבן איהם צוגעטיילט. זיין רבי **דער הייליגער רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע** וואס האט נאך דעמאלט'ס געלעבט, איז געוואויר געווארן פון די צרות און מיטמאַכענישן וואס רבי פייביל גייט אדורך, אבער דער רבי רבי בונם האט איהם געשיקט זאגן אז ער זאל זיך נישט וויסענדיג מאכן און ער זאל ווייטער אנהאלטן מיט די רבנות דארט. רבי פייביל האט פראבירט ממשיך צו זיין און ווייטער אנגיין דארט, אבער ער האט געפילט ווי ער טראגט שוין מער נישט אריבער די אלע צרות און יסורים, און נישט האבענדיג קיין אנדערע ברירה האט ער פארלאזט שעפס אויף אייביג.

יארן שפעטער האט רבי פייביל זיך אויסגעדריקט אז דער עונש וואס ער ליידט פון די פריצייטיגע פטירה פון זיינע קינדער רח"ל, איז צוליב דעם וואס ער האט נישט געפאלגט זיין רבי'ן דער רבי רבי בונם, **ווייל אז דער רבי האט געהייסן בלייבן אין שעפס, וואלט ער געדארפט בלייבן!**

להערות וכן לקבל הגליון באי-מייל kerembeisshmiel@gmail.com